בעזרת השם יתברך

גליון
# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
פאר'ן שבת טיש

פרשת
ואתחנן, נחמו
טז מנחם-אב
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 36
(88)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען פַארְקְרָאכְן אִין תַּאֲוַות מָמוֹן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ זֵיי אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן. בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער גִבּוֹר, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער גִבּוֹר וִויל נָאר 'הַכְנָעָה', אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִים וַוייל דֶער גִבּוֹר פַארְ'מִיאוּסְ'ט גֶעלְט, אוּן בַּיי זֵיי אִיז דָאס קֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין רֶעדְן מִיטְ'ן גִבּוֹר. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעזָאגְט עֶר מוּז קוֹדֶם גֶעוואוּר וֶוערְן אוֹיבּ אִיז דָאס דֶער גִבּוֹר מִיט וֶועם עֶר קֶען זִיךְ, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ אֵיינֶע פוּן דִי גִבּוֹרִים וָואס גֵייעֶן מִיטְ'ן גִבּוֹר, אוּן יֶענֶער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען מִיטְ'ן גִבּוֹר.

אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעקֶערְט דִי וֶועלְט, הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען זֵיי ווילְן אוֹיפְנֶעמֶען אַ קֶענִיג, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלֶערְן וֶוער אִיז רָאוּי צוּ זַיין קֶענִיג, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן וִויבַּאלְד דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דֶער 'תַּכְלִית', אִיז וֶוער עֶס אִיז מֶער בַּיים תַּכְלִית אִיז רָאוּי צוּ וֶוערְן קֶענִיג. אִיז גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן זֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֵיינוּנְגֶען וָואס דֶער תַּכְלִית אִיז, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'כָּבוֹד', אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'רְצִיחָה', אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז וֶוער עֶס עֶסְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן נָאר מֶער 'אֵיידֶעלֶע עֶסְנְוַוארְג', אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'נִיאוּף', רַחֲמָנָא לִצְלָן; אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'שִׂמְחָה', אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'חָכְמָה', אוּן אַ טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי אֵבָרִים'. יֶעצְט הַאלְטְן מִיר בַּיים לֶעצְטְן כִּתָּה.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

און סֶע גִיוֶוען אֵיין אַנְדֶערֶע כִּתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דִי אַלֶע זַאכִין זֶענֶען אַלֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. נָאר דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית אִיז. אַז מֶע זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און מֶען זָאל זַיין אֵיין עָנָיו און אַ שְׁפַל בֶּרֶךְ. (כְּלוֹמַר מֶע זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִיט הַאלְטִין) וְכוּ'. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה און זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי (דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אַז דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גִיוֶוען און זֶענֶען אַלֶע פַארְפִירְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה אִין אִיר נַארִישְׁקֵייט דָארְךְ זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת און נַארִישְׁע גִידְרַאנְגֶען. נָאר דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע כִּיתָּה דִי הָאבִּין צוּ גִיטְרָאפִין דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת. אַז ווּאוּיל אִיז זֵיי). דָאס הָאט אַלֶץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

און עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט. אַז זֵיי. (דְהַיְינוּ דִי גִיבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר כַּנַּ"ל) זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר אַז מֶע זָאל זִיךְ פִילֶעוִוין צוּ גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים) וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסִין מֶענְטְשְׁן כַּנַּ"ל). וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיגַאנְגֶען אַ מַחְנֶה פוּן זֵיי (כְּלוֹמַר סֶע גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְשְׁן פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים) מִיט דֶעם אִיבַּאז וָואס מֶע הָאט זֵיי נָאךְ גִיפִירְט עֶסִין און טְרִינְקֶען און דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין. און פַאר דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים. הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְשְׁן און גִבּוֹרִים. און וֶוער סֶע הָאט זֵיי בַּאגֶעגִינְט. הָאט זֵיי בְּוַודַאי אָפּ גִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. דֶערְוַוייל. ווִי דִי מַחֲנֶה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים זֶענֶען אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. אִיז זֵיי אַקֶעגִין גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. און דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. און עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מַחְנֶה אַרַיין. און עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט (מִיט דִי הֶערְם) אַהִין און אַהֶער. און דִי לַייט פוּן דֶער מַחְנֶה הָאבִּין פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט. און עֶר (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר) אִיז זִיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי וֶועגִילֶעךְ הַנַּ"ל וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאךְ גֶעגַאנְגֶען. און עֶר הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין אַלְדִינְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ ווּילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען (וָואס דֶער אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר וָואס עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר זֵיי און אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען און הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין גָאר וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיף דִי וֶועגִילֶעךְ) זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף פַאר אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין. און הָאבִּין גְזָאגְט תֵּיכֶף. יְחִי הַמֶּלֶךְ (כְּלוֹמַר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ) וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה. נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער וָואס עֶר אִיז אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל. און דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִים בְּוַודַאי מוֹחֵל זַיין דִי מְלוּכָה. וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר אַזוֹי אַ בַּעַל אֵבָרִים. און אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז זֵיי גִיקוּמֶען אַ קֶעגִין כַּנַּ"ל). און דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. און עֶר זָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין אוֹיף זֵיי) אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט וָוארִין עֶר מֵיינְט גָאר נִיט דָאס אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

## אִיךְ מֵיין גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ

דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי וֶוערְן מְפֻרְסָם אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּלִיבּ כָּבוֹד וְכַדּוֹמֶה חַס וְשָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען דָא פַאר גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער גִבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ גֵיי אַרוּם אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ מֵיין גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"**

## מְפֻרְסָם שֶׁל אֱמֶת

דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, הַיִתָּכֵן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַ 'מְפֻרְסָם', עֶר זִיצְט אוֹיבְן אָן וְכוּ'; הָאבְּן מִיר

גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיי דִי בָּאטֶע, וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַ מְפֻרְסָם, נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַ "מְפֻרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר", דָאס הֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'מְפֻרְסָם' אִין דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פַארְקוֹיפְט 'שֶׁקֶר', אָבֶּער אֵיינֶער וָואס רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר דָאךְ אַ "מְפֻרְסָם שֶׁל אֱמֶת", עֶר אִיז 'מְפֻרְסָם' אִין דִי וֶועלְט, אוּן בְּרֶענְגְט מֶענְטְשְׁן צוּם 'אֱמֶת'!

## זֵיי מִיר מְחַזֵּק

פַארְוָואס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ אַ שִׁיעוּר? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין עֶנְדִיגְן, אִיךְ וִויל אַלֶעס אָפְּלָאזְן', עֶר וִויל פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן אֵיין זַאךְ: "**זֵיי מִיר מְחַזֵּק, בְּרֶענְג מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג מִיר אַז אִיךְ קֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, זָאג מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן כֹּחַ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען מַיינֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן, זָאג מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מַיין דַאוֶונֶען, זָאג מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מַיין תְּפִילִין, זָאג מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מַיינֶע מִצְווֹת**", קוּמְט אוֹיס עֶס אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער וָואס רֶעדְט טִיפֶע תּוֹרוֹת, אִיז אַ "מְפֻרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר", אֲפִילוּ עֶר אַלֵיינְס אִיז בֶּאֱמֶת אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל עֶר אִיז מְפֻרְסָם אוּן בְּרֶענְגְט נִישְׁט מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שֵׁיינֶע מְשָׁלִים אוּן מְלִיצוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כח) דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן דְרָשׁוֹת אוּן רֶעדְן מִיט מְשָׁלִים אוּן מְלִיצוֹת אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה ז, יג): "**הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים, כִּי תַלְאוּ גַּם אֶת אֱלֹקִים**", מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מִיד פוּן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע מְשָׁלִים אוּן מְלִיצוֹת. "**וַאֲנָשִׁים חוֹשְׁבִים שֶׁיָּבוֹאוּ לְאֵיזֶהוּ תּוֹעֶלֶת עַל יָדָם, הַיְנוּ שֶׁיָּבוֹאוּ לָדַעַת אֶת ה' אֵיךְ לַעֲבֹד**", מֶענְטְשְׁן זוּכְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט נָאכְטוּן, זָאגְט מֶען: "**לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים**", - זֵיי לָאזְן אָפּ אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר אִיז סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר קֶען נִישְׁט נָאכְטוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ "מְפֻרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר".

(דָאס הָאט אַלֵיין דֶערְצֵיילְט. אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם אוֹיף מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר עֶס אִים דָאס אַלֵיין גִיעֶנְפֶערְט).

הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. מִיט וָואס אִיז זַיין גְבוּרָה פוּן דֶעם גִבּוֹר. וָואס עֶר אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הַיינְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. כַּאֲשֶׁר אֵיין מְדִינָה הָאט זִיךְ נִיט גִיוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים. הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד וָואס עֶר הָאט אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כּוֹחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט זִי אוֹיף אַנְטְלוֹיפִין אַלֶע שָׂרִים פוּן דִי חַיילוֹת (דְהַיְינוּ אַלֶע עֶלְצְטֶע) וְכוּ' (אוּן הָאט אוֹיסְגִירֶעכֶנְט דִי דְרַיי כּוֹחוֹת וָואס אוֹיבִין אִיז גִישְׁטַאנֶען. וָואס פוּן דָארְט הָאט דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ גִינוּמֶען גְבוּרָה כַּנַּ"ל) וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי מֶלֶךְ. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען פַאר אִים אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען. אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶען. אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם גִבּוֹר וִוי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּם אוֹיף קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם. אוּן סֶע גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת (פְרֵייד אוּן גִיוֵויין) וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאבִּין זֵיי דְרוֹיף גִיוֵויינְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת.

## דֶער גִבּוֹר צוּזַאמֶען מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה

דֶער רֶבִּי זָאגְט וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן גִבּוֹר אִיז גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת. אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען זָאגְן פִילֶע בְּחִינוֹת, יֶעדֶע מִינוּט קֶען מֶען זָאגְן אַנְדֶערֶע פְּשָׁטִים אוּן תּוֹרוֹת, אָבֶּער בְּפַשְׁטוּת הָאט אוּנְז מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעלֶערְנְט אַז דֶער 'גִבּוֹר' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדַּת גְבוּרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט רוּאִיג אוּן פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דֶער גִבּוֹר אָן, עֶס קוּמְט אָן אַ צָרָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן, מֶען אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטֶער פַאר אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע בַּאזוּךְ, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן נֶעמֶען שְׁוֶוערֶע טְרִיטְמֶענְטְס לֹא עָלֵינוּ, דֶער 'גִבּוֹר' אִיז דָא, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, אָבֶּער אַז דֶער גִבּוֹר אִיז צוּזַאמֶען מִיטְ'ן 'בַּעַל תְּפִלָּה' - רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז דֶער רֶבִּי - אַז מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי תְּפִלָּה, וֶוערְט שׁוֹין גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט שׁוֹין רוּאִיג, עֶר וַוייסְט עֶר קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער.

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי יְסוּרִים

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם 'גִבּוֹר' אִיז נָאר 'הַכְנָעָה', צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהֲרַ"אשׁ בְּרֶענְגְט פִילֶע מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן אוֹיךְ אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרַ"אשׁ) דֶעם לָשׁוֹן פוּן מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת תֵּצֵא, סִימָן ב): "**צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו. לָמָּה, שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט, וֶוען מֶען קֶען וֶוען רֶעדְן צוּ דִי מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט דִי יְסוּרִים וָואלְט מֶען אִים גֶעדַארְפְט זָאגְן: "**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי יְסוּרִים, דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר אִין מִקְוֶה**"; אִיךְ בִּין שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען אוֹיף מִיר דִינִים הָאבּ אִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן כב, פא) אַז מִקְוֶה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע צָרוֹת אוּן דְרֵיידְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אִיךְ דַאוֶונְט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט 'שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב', יֶעצְט אַז עֶס אִיז מִיר אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען אַ פְרִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם גֵיי אִיךְ צוּרִיק אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, אִיךְ זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל.

## שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:): "**לֹא הֵן וְלֹא שְׂכָרָן**", אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי יְסוּרִים אוּן נִישְׁט דִי שְׂכַר דֶערְפוּן, אָבֶּער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וֶוען דֶער גִבּוֹר קוּמְט אָן בְּלַייבְּט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען צִיטֶערְט אוּן צִיטֶערְט בִּיז מֶען פַאלְט פוּן דֶעם אוּן מֶען קֶען אִים מֶער נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן, הָאבְּן מִיר דֶעם 'גִבּוֹר' מִיטְ'ן 'בַּעַל תְּפִלָּה', אִיז דָא '**שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת**' - אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט מִיר**", נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אִיךְ וֵוייס פוּן דִי עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ יָא, "**אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט**", **אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס**".

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵיידְט דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס קָאפּ, אוּן זָאגְט אִים: "**וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעמַאכְט אַנְדֶערְשׁ וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער**", אָדֶער: "**וֶועגְן דֶעם שָׁכֵן הָאט אַלֶעס פַּאסִירְט**", עֶר מַאכְט אִינְגַאנְצְן

פַּארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס גֶעמַאכְט, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אִיז אַלֶעס פַיין, און דֶער גִבּוֹר אִיז מֶער נִישְׁט דָא, וַוייל דֶער גִבּוֹר אִיז נָאר דָא ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ פַּארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶס הָאט פַּאסִירְט וֶועגְן 'מִיר'!

און אַז מֶען גֶעדֶענְקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער, מִיט אַ בַּעַל הַבַּיִת, מִיט שְׁכֵנִים, און מִיט יֶעדְן, וַוייל מֶען זָאגְט מֶער נִישְׁט: **"דוּ בִּיסְט שוּלְדִיג, וֶועגְן דִיר הָאט דָאס פַּאסִירְט"**, נָאר מֶען וֵוייסְט **"עֶס הָאט פַּאסִירְט וֶועגְן 'מִיר', וַוייל אִיךְ הָאבּ פַּארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**

## הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד

לָאמִיר צוּזַאמְבְּרֶענְגֶען דֶעם גִבּוֹר מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה, לָאמִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא דִי מַעֲלֶה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קסג). אִיךְ הָאבּ אַ קָרוֹב וָואס אִיךְ הָאבּ אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעלָאזְט 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' וַוייל עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען צוּ פָּשׁוּט, עֶר זוּכְט מֶער 'חָכְמוֹת', אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ חַבוּרָה אִין בְּרֶסְלֶב, (אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אַלֶע בְּרֶסְלֶבּ'עֶ, אִיךְ הָאבּ חַס וְשָׁלוֹם גָארְנִישְׁט קֶעגְן קֵיינֶעם), הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ שִׂמְחָה, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיי זֵיי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בַּיי זֵייעֶר חַבוּרָה, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטוֹישְׁט דִי דְרָשׁוֹת פוּן אַמָאל, אַמָאל פְלֶעגְט מֶען חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי וָואס מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד', און יֶעצְט הֶערְט מֶען בַּיי דִי דְרָשׁוֹת און אִין דִי בְּרִיוו: **"זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צְווִישְׁן דִי וֶועלְדֶער און פֶעלְדֶער"...**

## רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ דוּ בִּיסְט!

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס זֵייעֶר פָּשׁוּט; אִין בָּארָא פַּארְק פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ לַאכְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד, וַוייל אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטָאט, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין און וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט פָארְן מִיט אַ חַבוּרָה צוּם פֶעלְד, צוּ גֵיין זִינְגֶען און עֶסְן מַארַאנְצְן אִין פֶעלְד... רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ דוּ בִּיסְט! אָבֶער פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין 'יַבְנִיאֵל - עִיר בְּרֶסְלֶב', הָאט מוֹהֲרָא"שׁ יָא גֶעשְׁרִיבְּן זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג און אוֹיף דִי פֶעלְדֶער פוּן יַבְנִיאֵל. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יַבְנִיאֵל: **"דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין יַבְנִיאֵל; דוּ מֵיינְסְט עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּ בַּאקוּמֶען טָהֳרַת הַמֹּחַ, טָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבָה?! גֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג, צְווִישְׁן 'הַר, שָׂדֶה, בַּיִת'** (עַיֵּין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י') **און שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַואשׁ מִיר אוֹיס מַיין קָאפּ'".**

## פֵייגְלֶעך זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶערְפַאר דָא אִין שְׁטֶעטְל וָואס מִיר זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט בֵּיימֶער קֶען אִיךְ רֶעדְן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד; יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל הָאט אַרוּם זַיין הוֹיז גְרָאז און בֵּיימֶער, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין אוֹיפְ'ן פָּארְטְשׁ, און אֲפִילוּ פוּן וֶועלְכֶע פֶענְסְטֶער מֶען קוּקְט נָאר אַרוֹיס - זֶעט מֶען אוֹיךְ בֵּיימֶער, קוּמְט אוֹיס וֶוען מֶען שְׁטֵייט בַּיים פֶענְסְטֶער אִיז מֶען אוֹיךְ אִין וַואלְד; אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי פֶענְסְטֶער הֶערְט מֶען נָאר דִי קוֹל פוּן דִי פֵייגְלֶעך וָואס זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז

מֶען טְרַאכְט אַרַיין וִוי דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זִינְגְט מֶען מִיט מִיט זֵיי: **"אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט".**

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, זָאל יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט. וָואלְסְט גֶעקֶענְט זַיין אַן הֵיימְלָאזֶער מֶענְטְשׁ, אֵיינֶער אַלֵיינְס, עֶרְגֶעץ וַוייט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ.

## דִי שְׁכִינָה רוּעֶט בַּיי אִים

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי זֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, זֶעט מֶען וִוי דֶער זֹהַר חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: **"נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט - רוּעֶט דִי שְׁכִינָה בַּיי אִים, און אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיינְס אִיז גָארְנִישְׁט דָא; נָאר אַז עֶר אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶען עֶר הָאבְּן בְּרָכָה".**

## הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה

פַּארְוָואס אִיז טַאקֶע אַזוֹי אַז נָאר אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מַאן און וַוייבּ אִיז דָא דִי שְׁכִינָה? וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי שְׁכִינָה, מֶען אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, (אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ), דֶער רֶגַע דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר נִישְׁט לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ, וַוייל עֶר ווִיל אַזוֹי און זִי ווִיל פַארְקֶערְט; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר לֶעבְּט מִיט זַיין וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אִיז דָא בַּיי אִים "הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט און זִי ווִיל גָארְנִישְׁט, בֵּיידֶע ווִילְן נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַלֶעס אִיז דוּ!

און צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען קוּמְט צוּם בַּעַל תְּפִלָּה, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס 'רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקְן אַז דוּ בִּיסְט דָא", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, דִי שְׁכֵנִים, נָאר אַלֶעס אִיז דוּ!"** אַז מֶען פָאלְגְט דִי עֵצָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

## נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

קוּקְט אַרַיין אִין זֹהַר פַּרְשַׁת קֹרַח, (אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶטְץ לֶערְנְטְס דִי שְׁטִיקְלֶעךְ זֹהַר וָואס מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס מִיטְ'ן פֵּרֵשׁ "חָזִיתָ אִישׁ") זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר (דַף קְעז:): **"רַבִּי אֶלְעָזָר הֲוָה קָאִים קַמֵּיהּ דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן אֲבוּהָ"**, רֶבִּי אֶלְעָזָר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, **"אָמַר לֵיהּ"**, הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן, **"כְּתִיב** (קֹהֶלֶת ט, ט) **רְאֵה חַיִּים עִם אִשָּׁה אֲשֶׁר אָהַבְתָּ כָּל יְמֵי חַיֵּי הֶבְלֶךָ"**, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: זֶע צוּ לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט לִיבּ, אַלֶע דַיינֶע טֶעג; רֶבִּי אֶלְעָזָר פְרֶעגְט זַיין טַאטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וָואס ווִיל אוּנְז דָא שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְן? **"אָמַר לֵיהּ"**, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"תָּא חֲזֵי"**, קוּם און זֶע, **"רְאֵה חַיִּים עִם אִשָּׁה אֲשֶׁר אָהַבְתָּ"**, זֶע צוּ לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט לִיבּ, **"דָּא הוּא רָזָא"**, אִין דֶעם פָּסוּק

לִיגְט אַ סוֹד, **"דִּבְעֵי בַּר נָשׁ לְאַכְלְלָא חַיִּים בַּאֲתַר דָּא"**, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, **"דָּא בְּלָא דָּא לָא אָזְלָא"**, לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט נִישְׁט. מֶען קֶען נָאר לֶעבְּן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ - נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **"וְדָא הוּא רְאֵה חַיִּים עִם אִשָּׁה אֲשֶׁר אָהַבְתָּ"**, דָאס זָאגְט אוּנְז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין לֶעבְּן, **"מַאי טַעֲמָא"**, פַארְוָואס? **"בְּגִין כִּי הִיא חֶלְקְךָ בַּחַיִּים"**, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּן, **"דְּחַיִּים לָא שַׁרְיָאן אֶלָּא עַל דָּא"**, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, בִּפְרָט מִיט אַ וַוייבּ - נָאר וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## קֶענְסְט דָאךְ אַהֵיים גֵיין

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזָאגְט - אִיז גָארְנִישְׁט, זִי שְׁרֵייט: **"דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אַהֵיים, דוּ הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט"**, עֶנְטְפֶערְט מֶען: **"בִּיסְט גֶערֶעכְט, אִיךְ וֶועל אַהֵיים קוּמֶען הֶעלְפְן"**, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, ווּאוּסֶענְדִיג אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּפְרָט וֶוען זִי אִיז דָאךְ גֶערֶעכְט, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען נָאכְצוּלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, מֶען לוֹיפְט נָאךְ נָאךְ אַ דָאלֶער אוּן נָאךְ אַ דָאלֶער, אִין דִי צַייט קֶענְסְטוּ דָאךְ אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר, אִיר בַּארוּאִיגְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט קִינְדֶער - גֵיי אַהֵיים צוּ זֵיי, דֶערְצֵייל זֵיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, רֶעד צוּ זֵיי, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי.

## הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה...

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט אִינְוֶועסְטִירְט אִין גֶעשֶׁעפְטְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָחִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט גֶע'חָלוֹמְ'ט דֶערוֹיף, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי גֶעלְט אוּן וַוייטֶער אִינְוֶועסְטִירְט, עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד צוּ זִיצְן מִיט גֶעלְט, מֶען קֶען דָאס דָאךְ אִינְוֶועסְטִירְן וַוייטֶער, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְדִינֶען הוּנְדֶערְט מִילְיָאן דָאלֶער אַ יָאר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט הַייזֶער דָא אוּן דָארְט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט אַזוֹיפִיל גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעקוֹיפְט הַייזֶער אִין אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת, אוּן אִיז גֶעוָוארְן רַייכֶער אוּן רַייכֶער, אוּן סוֹף יָמָיו אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן, מֶען הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דֶער עֶרְד... עַד כַּאן הַמַּעֲשֶׂה; דֶער מַעֲשֶׂה הָאט נִישְׁט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט, עֶס פַּאסִירְט טָאג טֶעגְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן נָאךְ 'דֶעם דָאלֶער' אוּן נָאכְדֶעם קֶערְט מֶען זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דָאס לֶעבְּן פַאר וִוִיכְטִיגֶערֶע זַאכְן, פַאר דִי שְׁטוּב, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

## נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דֶער גִּבּוֹר קוּמְט

וֶוען עֶס קוּמְט פְּלוּצְלִינְג אָן דִי מִדַּת גְּבוּרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן נִישְׁט גוּט שְׁפִּירְן אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ גֵייט פָּאר, דַארְף מֶען זִיךְ גְלַייךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַנְעֶרְקֶענֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶעס אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן. מֶען דַארְף אָבֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דֶער גִּבּוֹר קוּמְט אָן, נָאר גְלַייךְ זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, (אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן דֶעם קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ הַאנְט מִיט קְנֵייטְשְׁן וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע וֶוערְטֶער הָאט גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין אִים אוֹיסְצוּהֶערְן), וֶועלְן מִיר אוֹיךְ מְגַלֶּה זַיין שְׁטִילֶערְהֵייט 'סוֹדוֹת' וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין סֵפֶר 'מְגַלַּת סְתָרִים', וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַלֶעס וָואס וֶועט זִיךְ טוּן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען וָואס גֵייט זַיין 'מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג', אַז עֶס גֵייט נִישְׁט זַיין אַ דְרִיטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה מִיט בָּאמְבֶּעס, נָאר דָאס גֵייט זַיין אַ מִלְחָמָה בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִין זַיין מֹחַ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אִין זַיין מֹחַ אַ וֶועלְט מִלְחָמָה, אֵיין רֶגַע וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט שְׁרֶעק אוּן עֶנְקְזַייעֶטִי 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וָואס וֶועט זַיין?' דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, אַזוֹי וֶועט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין קָאפּ מַחֲשָׁבוֹת אַהֶער אוּן אַהִין, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן אוּן בַּארוּאִיגְן מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן פִירְט אַלֶעס.

## דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל יֶעדֶעס מָאל מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען בַּארוּאִיגְט זִיךְ, פוּן וֶועמֶען זָאל אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הִיט מִיר!

## חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב

**אַזוֹי וִוי דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען צוּגַאסְט אִין שְׁטֶעטְל אַ לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער חָסִיד הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** מִיר הָאבְּן דָא חָשׁוּבֶ'ע גֶעסְט; אוּן מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט אִין אַ גְרוֹיסְן טָאג, ג' תַּמּוּז, דֶעם יָארְצַייט פוּן דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב? אִין חַבַּ"ד רֶעדְט מֶען פוּן מַחֲשָׁבָה, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא; דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר שְׁטַארְקֶע מֹחוֹת, אָבֶער וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע 'גָארְנִישֶׁעס', מִיר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דֶער מֹחַ זִיךְ צוּ מִתְבּוֹנֵן זַיין, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אָבֶער מַיין קָאפּ פְלִיעֶט מִיר אַוֶועק, דָא שְׁטֵייט אוֹיפְ'ן וַואנְט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: **"מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"**, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף טְרַאכְטְן דֶערְפוּן שְׁטֶענְדִיג, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער אִין יַבְנִיאֵל אוֹיף דִי מְחִיצָּה פוּנֶעם וַוייבֶּער שׁוּל, כְּדֵי אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן צוּ קוּקְן זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זַיין מֹחַ, עֶר וִויל טְרַאכְטְן דֶערְפוּן אוּן זַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן דֶעם מֹחַ, דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד אַרוֹיס אַ דִיבּוּר צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען טוּן, אוּן דָאס וֶועט דִיר שׁוֹין צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַז מֶען וֶועט חַזֶרְ'ן דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶער רֶבִּי, מֶען וֶועט גֵיין אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.